## איך בין קיינעם נישט מקנא

איך בין קיינעם נישט מקנא,
סיידן דעם געזאַנג פֿון אַ קאָסע
פֿאַרנאַכט אין אַ דאָרף...

איך בין קיינעם נישט מקנא,
סיידן דעם טיפֿן געזאַנג
פֿון דעם שטילקייט, וואָס יאָגט נאָך דעם גאַנג
דעם געזונטן און פֿאַרפּלאָנטערטן גאַנג
פֿון די וואָרצלען
ביי אַ בוים.

אין דעמפּיק ברייטגראָביקן עכאָ
פֿון די אָקסישע געשרייען

הערט מען אַלץ נאָך יענעם קרעכץ
 פֿון דער קניפּעטאָרין ערד
ווען זי איז צו-קינד געגאַנגען
מיט די ערשטע שטיקער פֿעלד.

איך בין קיינעם נישט מקנא,
סיידן דעם פֿאַרקלערטן קלאַנג פֿון אַ קאָסע
פֿאַרנאַכט אין אַ דאָרף.

-----------------------------------------------------

פֿאָלקסצײַטונג (וואַרשע) 1938
13, נומ.156 מאַי 27 ז. 7